## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



קורצער פרייטאָג: זאָגט מיר, פאניע שבת הגדול, וואָס טוט זיך דאָרט, אין דעם שפאניען?

שבת הגדול: כ׳וואָלט אזוי וויסען פון בייז. פון איין זייט שטעהט בערלין און רוים, פון דער צווייטער זייט — פאריז און מאָסקווא און וואו זענען די שפאניער?

קורצער פרייטאָג: נו יאָ, און וואו זענען די שפאניער? יאָ, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט היטלערן, וואָס מאכט ער?

שבת הגדול: מיט היטלערן זעהט איהר, איז עס אזוי: ער האָט זיך צעטיילט: מיטן קאָפּ זיצט ער אין רוים, מיט די פיס איז ער אין וויען, א האנד האָט ער אין שפאניען. אניאוויג האָט ער אויף דאנציג.

קורצער פרייטאָג: און וואָס איז מיט דעם קאָנפליקט מכוחן קאָרידאָר

שבת הגדול: ער פיהלט זיך זעהר בעק־וועם...

### פאַר דעם האָט ער מורא אין אדוואָקאַטען צימער

— קאָלעגא, וואָס זענט איהר היינט אזוי אויפגערעגט?

— מיינער א קליענט האָט מיך אָנגערופען „אָשיאָל".

— נו, פארוואָס פערקלאָגט איהר איהם נישט?

— איך וואָלט דאָס געטון, איך האָב נאָר מורא, ער זאָל נישט צושטעלען צום געריכט א „דאָוואָד פּראווודי".

### היינטיגע דינסטען.

בעל־הביתטע (צו דער ניי־צוגענומענער דינסט): מאניא, מיר אָרדנען היינט איין אן׳עלעגאנטע פּשי־יענטשע מיט טענץ, זעה דו זאָלסט מיך נישט פערשעהמען.

— די מאַדאַם קאָן זיין רוהיג, איך טאנץ אלע נייעסטע טענץ.

### איך מיר א געשעפט!

אין גאס טרעפען זיך צוויי אלטע חברים. פרעגט איינער:

נו, ווי געהט עס דיר?

— זעהר גוט. כ׳האָב א שיין געשעפט ס׳גייט מיר נישט שלעכט — און דיר?

— מיר איז נישט אזוי יפוינעשדיע. מיינע קליענטען פיהרען זיך אזוי: זענען זיי צופרידען קומען זיי נישט צו מיר. זענען זיי נישט צופרידען קומען זיי ערשט אויפסניי נישט.

— וואָס פאר א געשעפט איז דאָס?

— איך בין א שדכן!

### אין דער „אובעזפּיעטשאלניע"

דאָקטאָר (צום קראנקען): וואו האָט איהר צום ערשטען מאָל געפיהלט ד יוויטאָג?

קראנקער: אויף דער שרודמיעיסקא גאס.

### פערשפּאַרט דעם רעדאקטאָר ארבייט.

אין דער רעדאקציע קומט אריין א „יונגער" דיכטער, פרעגט ער די רווימערקע:

— איז דאָ דער רעדאקטאָר?

— ניין.

— אויב אזוי, אָט ווארפט איהר דאָס ליד אין קאָרב אריין.

### פערשטענדליך.

אָנגעשטעלטער (צום שעף): פאניע שעפיע, איך שווער איך, אז אָהן איהר טאָכטער קאָן איך נישט לעבען.

שעף: נו, יאָ. פאר 100 זלאָטעס א חודש ווילט איהר קענען לעבען?...

### אַנ׳עצה פאר שוויגערס.

רייכע שוויגער: וואָס זאָל איך טון, אז מיין איידעם זאָל מיך נישט פיינד האָבען?

— צוויי זאכען.

— דהיינו?

— צומאכען ס׳מויל און עפענען דעם ביטעל.

### אין א היגען רעסטאָראַן.

גאסט: דער שניצעל שמעקט מיר נישט. כ׳האָב שוין געגעסען בעסערע.

קעלנער: ביי אונז? נישט מעגליך.

### צווישען היינטיגע פאָרפעלקער.

פרוי (צום מאַן): פּישעל, גיב אכטונג אויפן קינד. איך געה אוועק.

מאַן: ווען וועסטו אהיים קומען?

פרוי: ווען ס׳וועט זיך מיר גלוסטען.

מאַן: אָבער נישט שפּעטער!

### אין קאָלומנע.

ער: ווי האָבען זי זיך נעכטען געפאַרוויילט אויפן דאנסינג?

זי: איך בין נישט געווען. דער קאָפּ האָט מיר וויי־געטון, בין איך 8 אוועגד געגאנגען אין בעט אריין.

ער (אבּיסעל טויבליך): א סך מענטשען זענען דאָרט געווען?

### א צוקונפטס - פּיעסע

צום דירעקטאָר צעלמי־כמער קומט אריין א יונגער דראמאטורג מיט א פיעסע.

— פאניע דירעקטאָזשע. מיין פּיעסע וועט גע־שפּילט ווערען דאן ווען מ׳וועט שוין נישט געדענקען שלום אש׳ן, פרץ׳ן און שלום עליכם׳ען.

— אָבער נישט פריהער — האָט דיר. צעלמייסטער געענטפערט.

### וואָס איז ער?

צוויי ברידערלעך קריגען זיך.

— דו אָקס!

— דו פערד!

— דו אייזעל!

— שאַט! שאַט! פערגעסט נישט, אז איך בין אויך דאָ — האָט דער פאָטער געשריגען.

## פּיטעל און טרייטעל



פּייטעל: וואָס איז עס מיט דיר, טרייטעל? דאכט זיך מיר, אז דו לאָמסט אויף א פיס?

טרייטעל: יאָ. איך בין געווען אויף דער אָלימפּיאָדע אין בערלין.

פּייטעל: אלס זאַוואָדניק?

טרייטעל: ניין, אלס יוד!

### ס׳לעגט זיך איהם נישט אויפן שכל

איינִיקעל: זאָג מיר זיידעשי, ווי אזוי האָט דער זיידעשי געקענט חתונה האָבען מיט דער אלטער באָבעשי?

### ווי אזוי?

קינד: מאמעשי, אין וועלכער שטאָט איז דער טאַטעשי געבוירען געוואָרען?

מוטער: אין ווילנע.

קינד: און די מאמעשי?

מוטער: אין לעמבערג.

קינד: און איך?

מוטער: אין לאָדז.

קינד: טא ווי אזוי האָבען מיר זיך אלע דריי צוזאמענגעטראָפען?

### ער האָט עובר געווען אויף די דעוויזען בעגרענצונג.

— כ׳האָב מורא אז דו וועסט נאָך געהען זיצען אין חד גדיא.

— פארוואָס?

— ווייל דו האָסט אוועקגעשיקט דיין גאָלד קיין אויסלאנד.

— איך? ווי פאלסט אויס?

— כ׳האָב דאָך אליין געהערט, ווי דו האָסט דיין ווייב גערופען: „מיין גאָלד מיין אוצר" און איצט דאָסטו זי ארויסגעשיקט קיין קארלסבאד.

### א ווייבעריש שמועסעל.

— כ׳זאָג איהן, גילדענע, מיין מאַן איז א מענש מיט א עטלדענער נשמה. ער האָט א ווייך הארץ. קיין פליג אויף דער וואנד קען ער נישט קשיוודזשען.

— מיט וואָס בעשעפט׳גט זיך איהנ׳ס מאַן?

— ער מאכט פליגען פאפּיר.

### אין די „יארסקע" רעסטאָראנען.

גאסט: פאניע קעלנער, פארוואָס רעכענט איהר געקאָכטע אייער טייערער ווי א יאיעטשניצע?

קעלנער: ווייל געקאָכטע אייער קאָן מען ציילען.

### ביי אזאַ „זי" איז דער „ער" גאָרנישט

מאַן (צו דער פרוי): רוזשוכנא, דאכט זיך מיר, אז מיר האָבען היינט אונטער געזאָלט געהען אין טעאטער אריין?

פרוי: יאָ, נאָר די לעצטע מינוט האָב איך געענדערט אונזער פּלאַן.

---

# דער קונדס

הומאָר ● סאטירע ●

● צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק

ביילאַגע צום „נייעם פאלקסבלאַט" נומער 189

פרייטאג, דעם 14 אויגוסט 1936

## נאר אויף דעם אופן



ווועלען די יודישע וועהלער געהען באכקאנטראלירען צי זיי זענען אריינגעטראגען אין די וועהלער־רשימות

